בעזהשי"ת

## קונטרס

# חידושי תורה

### פרשת לך לך

יו"ל על ידי

## תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל

## מסאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל - בני ברק**

## כיתה ח'

**הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו**

בס"ד

# חידו"ת לפרשת לך לך

**לך לך מארצך.** והקשו המפרשים מה היה הנסיון הגדול לאברהם אבינו לעזוב את ארץ מולדתו ולעלות לארץ ישראל, דלכאורה מאי איכפת ליה לאותו צדיק להפרד מבית אביו עובדי אלילים, ולעלות לארץ הקדושה להתעלות בעבודת השי"ת, אמנם י"ל דהנה מודעת זאת מפי ספרים וסופרים כי בארץ ישראל יש להם להצדיקים עובדי ה' נסיונות קשות והתגברות היצר יותר מבחוצה לארץ, ועובדא ידענא שבעת שעמד הרה"ק רבי יעקב שמשון משפיטיוקא זי"ע לעלות להשתקע בארץ ישראל, לשבוע מטוב קדושתה העליונה ולהתעלות שם בתורה ועבודה, תנאי התנה עם היצר, שהוא עולה לארץ הקדושה רק אם הוא לא יעלה עמו להפריעו מעבודתו והסכים השטן והבטיח לו שישאר בחוצה לארץ, ויהי כאשר הגיע הרה"ק לארץ ישראל והנה השטן לנגדו, התפלא הרה"ק ושאל לו הלא נתניתי עמך שלא תעלה עמי לארץ ישראל השיב לו השטן זה שהבטיחך בחוצה לארץ היה אחד משלוחי וכאן בארץ ישראל אני בעצמי עומד ועושה עבודתי. ובדברים האלו יתבאר לן מה היה הנסיון לאברהם אבינו לעזוב את ארץ מולדתו ולעלות לארץ ישראל, שהרי נסיון גדול הוא להצדיק שאחר כל יגיעתו בחץ לארץ להתגבר על יצרו,יצטרך בארץ ישראל להתחיל מחדש במלחמה כבידה עם היצר בעצמו, העומד שם לשטן בדרך עבודת ה'.

**(ברך משה)**

**לך לך מארצך. להנאתך ולטובתך.** הרה"ק רבי נחום מטשערנאביל זי"ע בעל מאור עינים ישב פעם במאסר אודות איזה עלילה, ובא אליו זקן אחד וגילה לו הטעם שיושב כאן במאסר, יען כי דרכו בקודש היה תמיד להיות נע ונד לקבץ כסף לפדות השבויים, ולמען שירגיש את גודל מצות פדיון נפשות בזה ויהיה לו הנאה בעשיית המצוה כמו שאברהם אבינו ע"ה היה מעודו בעל מכניס אורח, ונתן לכל אחד אכילה ושתיה ולינה ביד הרחבה, אמר לו השי"ת לך לך להנאתך ולטובתך, שתהיה נע ונד ותרגיש את גודל הצער של האורחים, וזה הוא להנאתך ולטובתך שיעשה אח"כ המצוה ביתר שאת ויתר עוז, והזקן הזה שבא לגלות הטעם להרה"ק בעל מאור עינים אומרים שהיה אליהו הנביא.

**(זכותא דאברהם)**

בס״ד

**ואגדלה שמך.** פירש״י זה שאומרים אלהי יעקב, וי״ל דידוע כי שמות האבות ״אברהם יצחק יעקב״ הם י״ג אותיות נגד הי״ג מדות של רחמים ולכן אומרים אלהי יעקב ולא אלהי ישראל כי אז יהיה י״ד אותיות אבל אם הקב״ה לא היה מוסיף לאברהם את האות ה׳ לשמו והיה נקרא בשם אברם היו צריכים לומר אלהי ישראל שיהא י״ג אותיות וזה שאמר הכתוב ״ואגדלה שמך״ אני מוסיף לשמך האות ה׳ ״זה שאומרים אלהי יעקב״ ולא אלהי ישראל בכדי שיהיה י״ג אותיות ולא י״ד.

**(פנינים יקרים)**

**אמרי נא אחותי את, במדרש פליאה מכאן ששוחטין לחולה בשבת,** והיא פלאי.

דער רבי ר׳ יונתן אייבשיץ זי״ע זאגט א הערליכן פשט, ווייל די מפרשים פרעגן, פארוואס האט אברהם אבינו אזוי שטארק מורא געהאט אז איב די מצריים וועלן געוואויר ווערן אז דאס איז זיין ווייב וועט מען אים הרג׳ענען, אויב וועסטו זאגן אז זיי האבן א פראבלעם צו נעמען אן אשת איש, פארוואס זאלן זיי נישט האבן א קיין פראבלעם אים צו הרגענען, וואס דאס איז שפיכות דמים?

נאר דער ר״ן (יומא פ״ ע״ס, במשנה מי שאחזו בולמוס) ברענגט אז מ׳האט אנגעפרעגט דעם ראב״ד אויב עס איז דא א חולה שיש בו סכנה אום שבת, און דער דאקטער הייסט אז ער מוז עסן פלייש, און עס איז נישטא קיין כשר׳ע פלייש, אים צו געבן, וואס איז ענדערש, צי זאל מען אים געבן טריפה פלייש צו עסן, צי מ׳זאל הייסן פאר א איד זאל גיין שחט׳ן פאר׳ן חולה כשר׳ע פלייש, שרייבט דער ראב״ד אז מ׳זאל ענדערש רופן א שוחט וואס זאל שחט׳ן כשר׳ס ווי מ׳זאל אים געבן נבילה, איז דער ר״ן מסביר דעם טעם ווייל ווען ער עסט נבילה איז ער עובר אויף יעדע כזית א עקסטערע עבירה, משא״כ אויב מ׳האט גע׳שחט׳ן איז מען נאר חייב איין עבירה.

די זעלבע זאך קען זיין דא, אז אברהם האט מורא געהאט אז מ׳וועט אים הרגענען, איי עס איז שפיכת דמים, האט ער געקלערט די סברא אז פון שפיכת דמים האבן זיי נישט אזוי שטארק מורא ווייל מ׳איז עובר נאר איינמאל, משא״כ עריות איז מען עובר יעדעס מאל עקסטער.

דאס זאגט דער מדרש ״אמרי נא אחותי את״ זעהן מיר פון דעם אז אברהם האט מורא געהאט אז מ׳וועט אים הרג׳ענען, פארוואס האט ער מורא געהאט אז מ׳וועט אים הרג׳ענען, שפיכת דמים איז דאך די זעלבע עבירה ווי אשת איש, אלא מאי איז דא א חילוק צווישן ווען מ׳איז עובר איינמאל צי ווען מ׳איז עובר מערערע מאל, ״מכאן ששוחטין לחולה בשבת״, אז מ׳מעג שחט׳ן פאר א חולה אום שבת פאר די זעלבע סיבה.

בס"ד

# הרה"ק רבי אליעזר מדזשיקוב זי"ע

### בן הרה"ק רבי נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע

## ג' חשון שנת תרכ"א

אין גארליץ האט געוואוינט א דיין מיטן נאמען רבי נפתלי מילער ז"ל, ער איז געווען א גדול בתורה און א גרויסער מתמיד, ער איז געזיצן א גאנצן טאג אין בית המדרש על התורה ועל העבודה, און ער האט נישט אינזין געהאט די פרנסה פארן שטוב, אפילו עס האט דארטן געהערשט א גרויסער ארימקייט. יעדן מאל ווען ער איז געפארן קיין דזשיקוב האט אים זיין ווייב געבעטן ער זאל זיך מזכיר זיין פאר רבי אליעזר'ל אז ער זאל זיי אנוואנטשן מיט פרנסה בריוח, אבער אייביג ווען ער איז געקומען קיין דזשיקוב האט ער פארגעסן פון אלע גשמיות'דיגע דאגות, און ער גארנישט דערמאנט פארן צדיק פון זייער ענגשאפט אין פרנסה.

האט די פרוי באשלאסן אז זי וועט אליינ'ס אראפ פארן קיין דזשיקוב צו באקומען א ברכה פונעם צדיק, און זי האט טאקע אזוי געטוהן. זי איז אריין געגאנגען צום הייליגן צדיק און דערציילט פון זייערע ביטערע ארימקייט, האט רבי אליעזר'ל איר געהייסן זאל קויפן א זאק מיט צוקער און האנדלען מיט דעם, און פון דעם וועלן זיי האבן פרנסה, האט זי געזאגט אז פון דעם וועט זיין פרנסה נאר אויף איין חודש און נישט מער פון דעם, איז וואס זאל זי טוהן נאכדעם, האט ער איר געזאגט, מ'זאל טוהן אזוי ווי ער האט פריער פאר איר געזאגט און פון דעם וועלן זיי האבן פרנסה. זי איז אהיים געפארן און געפאלגט די הייליגע ווערטער פון רבי אליעזר'ל, און עס איז געשעהן א נס אז אפילו נאכן אריבער גיין אסאך צייט, און זי האט שוין פארקויפט אסאך צוקער איז נאך אלץ געווען די זאק פול אזוי ווי אין אנהויב, און פון דעם האט די משפחה געהאט פרנסה בריוח.

איינמאל פאר יו"ט שבועות האט מען גערופן דעם דיין רבי נפתלי צו די שטאט צאנז, ער זאל זיין דארטן א דיין ביי א דין תורה, דער דין תורה האט זיך פארצויגן ביז ווען עס איז שוין געווען צו נאנט צום יו"ט שבועות, האט ער נישט געוועסט וואס צוטוהן, ווייל ער איז דאך געווען געוואוינט צו זיין שבועות ביי זיין רבי'ן, און אוועק פארן פון צאנז און זיך נישט געזעגענען פונעם צאנזער רב, האט ער נישט געוואלט, און ער האט זיך אויך נישט געוואגט ארייגגיין זיך געזעגענען, ווייל עס זענען שוין געקומען א גרויסער עולם קיין צאנז אויף יו"ט, האט ער נישט געהאט א ברירה און איז געבליבן אויף יו"ט שבועות אין צאנז.

ווען ער איז געפארן אויף ראש השנה קיין דזשיקוב אזוי ווי א יעדע'ס יאר, האט אים דער הייליגער דזשיקובער געפרעגט וואו איז ער געווען יו"ט שבועות, האט ער דערציילט אז וועגן א דין תורה איז ער פארבליבן אויף שבועות ביים הייליגן דברי חיים. האט רבי אליעזר'ל אים געזאגט: אויב אזוי, זאל דער צאנזער רב דיך שפייזן און פארזארגן מיט פרנסה.

אנהויב האט ער געמיינט אז די ווערטער פון זיין רבי'ן רבי אליער'ל איז פאר אים געזאגט געווארן ווייל ער האט אויף אים א הקפדה אז ער איז נישט געקומען אויף יו"ט שבועות צו אים. אבער שפעטער האט זיך ארויס געוויזן אז די הייליגע ווערטער איז גאר געווען פאר אים א עצה טובה, ווייל פון דעמאלטס איז די זאק געווארן מער און מער וויינעגער, ביז דעם טאג ג' חשון איז די זאק אינגאנצן ליידיג געווארן. וואס אין דעם טאג איז דער הייליגער רבי אליעזר'ל נסתלק געווארן, און ער האט פארשטאנען אז די ווערטער וואס ער האט אים געזאגט אז זאל גיין קיין צאנז איז געווען א עצה טובה ווי אזוי ער זאל ווייטער האבן פרנסה דורך זיך מזכיר זיין ביים צאנזער רב, ווייל דער הייליגער צדיק האט געוואוסט אז די השפעה וואס איז געווען אין זיין זכות, וועט זיין נאר ביז די טאג פון זיין הסתלקות.